שבת פרעשבורג
סמוך ונראה
לציון המצוינת של
מרן החתם סופר זי"ע
בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
• שב"ק משפטים (לס' 'ואל מש"ה אמר עלה') תשע"ו •
מסע נגידי ובוני בניני מוסדותינו הקדושים

# המסע

זעקסטער נומער
שבת בשלח תשע"ו לפ"ק




# פרעשבורג





ליל שישי ׳התיצבו וראו את ישועת ה׳ אשר יעשה לכם׳:

# א פראכטפולער מסיבה אין בעפארברייטונג צום מסע נגידי ובוני בניני מוסדותינו הק׳

**פארגעקומען אין זאל פון בנין התלמוד תורה – ׳היסטארישקייט פון נסיעה׳ געהערט פון נואם בחסד עליון ידידנו מוה״ר מאיר מרדכי בערקאוויטש הי״ו – אנטאפענדער נסיעה התעוררות שוועבט צווישן די אנטיילנעמער**

דעם דאנערשטאג אווענט האט מען ביים זאל פון אונזער תלמוד תורה אין וויליאמסבורג געזען ווירבלן מיט אנקומענדע תלמידים, ידידים און אוהדים. די דאזיגע זענען געקומען מיט׳ן פאראייניגטן ציל און באגער, צו ווערן א טייל פון דעם ערווארטענעם מסע המרומם פון א געקליבענעם עולם נגידים און נדיבים אין שפיץ פון מנהיג עדת ה׳ כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א.

ביי די רייכפול צוגעגרייטער מסיבה איז דער עולם המשתתפים החשובים געזעצן, ווען דאס געשפרעך איז נאטירליך געווען די ערווארטענע ערפארונגען וואס מ׳וועט אי״ה מיטלעבן ביי אזא געהויבענעם געלעגנהייט פון במשך 4 טעג נאכאנאנד. דאס לופט האט געאטעמט מיט אן אנטאפענדע נסיעה התעוררות וואס ווערט שוין וואס א טאג שטערקער און ברענענדער.

מיט א לשון לימודים און אראטארישן שפראך איז די היסטארישקייט פון דער נסיעה ארויסגעהויבן געווארן, דורכ׳ן זעלטענעם איינפלוסרייכן רעדנער הרה״ח ר׳ מאיר מרדכי בערקאוויטש הי״ו. ר׳ מאיר מרדכי האט כאחד מן החברייא אנגעוויזן, אז מ׳דארף קענען אפשאצן די חשיבות פון דעם הזדמנות, און ריכטיג באגרייפן וואס פאר אן ערשטמאליגער איבערלעבונג עס קומט אונז ב״ה אנטקעגן.

ווי אויך האט מען דעם מסיבה פריש קענען געלערנט, אז צוזאמען מיט׳ן שפאנונג צום נסיעה, איז דא ב״ה א גאר ווארימער אינטערעסע צום היסטאריש-גרויסארטיגן אונטערנעמונג פון בויען א קופה אדירה פון וועלכן מ׳וועט בעזר השם צושטייער געבן פאר אלע נייע מקדשי מעט ובתי תורה וחינוך וואס וועלן בשנים הבאים געבויט ווערן בתוככי גבולי קהלותינו הק׳ בכל אתר ואתר. - דעם אקטועלן וויכטיגקייט פון אט דעם קופה-פראיעקט, וועט מען אי״ה הערן אויספירליך ביים סעודת מלוה מלכה בעיר הבירה פרעשבורג.

# צוריק צו אונזער הייליגן עבר

## וואו מיר וועלן מתפלל זיין און פועל'ן על קברי רבותינו ואבותינו

– זעקסטער קאפיטל –

# פרעשבורג

**אריינפיר:** פרעשבורג איז די הויפט-שטאט פון סלאוואקיי. אבער בליקענדיג פונעם אידישן קוק-ווינקל איז עס אייגענטליך א הויפט-שטאט אויך פאר די שכנות'דיגע לענדער ארום. וייל ווייט אוועק פון אירע גרעניצן האט 'פרעשבורג' געהאט אן אומגעהויערן השפעה. ס'איז אט די אומבאגרעניצטע השפעה וואס באגלייט - נאך - אלע דורות און דורי דורות פון כמעט דעם גאנצן חרדישן אידנטום. בפרט די אפשטאמיגע פון יענע שכנות'דיגע מדינות, ווי אונגארן, טשעכיי, עסטרייך, א.א.וו.

פרעשבורג איז נישט בלויז געווען א שטאט מיט א בליענדע קהילה און א גרויסע ישיבה. נאר דער צענטער פון וואו ריזיגע טיילן פון כלל ישראל בכלל, און גדולי הרבנים בפרט, האבן דירעקט אדער אומדירעקט געצויגן זייער תורה-יניקה און זייער אידישקייט-השקפה. דאס איז די שטאט וואו ס'איז - אויף ביז'ן היינטיגן טאג - געבויט געווארן די רוחניות'דיגע חומות וואס טוט באהיטן דאס תורה-לעבן פון יעדן סארט שינוי און איינברעך אין מסורת אבותינו.

צו אט דעם אלעם האט פרעשבורג זוכה געווען, דורכ'ן האבן אלס מרא דאתרא, דעם רבן של ישראל, דער מאור הגולה, מרן הגאון הקדוש החתם סופר זי"ע ועכ"י וועלכער האט פארשיינט הימלן בגודל תורתו, צדקתו וקדושתו. 'כי זה האיש משה אמת ותורתו אמת'. פון זיין הייליגע תורה, פון זיין הייליגע הדרכה, האבן גדולי ומנהיגי ישראל געלערנט און געפירט עדת ה' צאן מרעיתם, ביז בחסדי ה' צו אונזער מנהיג העדה; כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וואס במעמד הכתרתו האבן מיר געהערט דעת תורתו, אז ביי יעדע זאך דארף מען מעיין זיין 'וואס וואלט דער חתם סופר צו דעם געזאגט'.



מרן הגאון הקדוש החתם סופר זי"ע

## אנהייב פון פרעשבורג

וואס אן אמת איז פרעשבורג שוין געווען אן 'עיר ואם בישראל' מיט עטליכע הונדערט יאר פריער. מען געפינט אן אלטן קינה פון די צייטן פון די קרייצוגן וואו דארט ווערט געזאגט: 'יזכור אלקים את הרוגי ושרופי פרשבורג רבי יונה וחבריו'. אידן זענען פון דארט מערערע מאל פארטריבן געווארן און ווידעראמאל זיך דארט באזעצט. איינמאל זענען די אידן פארטריבן געווארן פון דער שטאט וויען אין עסטרייך. די דאזיגע פארטריבענע זענען אנטלאפן קיין פרעשבורג, אבער צוליב'ן פארבאט, אז אידן טארן נישט וואוינען דארט, האבן זיי זיך באזעצט אין שלאסבורג, דער פארשטאט פון פרעשבורג, וואס האט נאך דאן נישט געהערט צום שטאט, נאר צו א גראף וועלכער האט די אידן גענומען אונטער זיין שוץ.'

מיט דער צייט איז שלאסבורג און אויך אן אנדער פארשטאט, געווארן א טייל פון פרעשבורג. די ביידע געגנטן זענען געווארן די אידישע קווארטאלן פון דעם שטאט. אזוי צוביסלעך איז פרעשבורג געווארן אן אנערקענטער אידישער יישוב, און וויבאלד זי איז געווען די הויפט שטאט פון דער אונגאריש-עסטרייכישער אימפעריע האט די דאזיגע אידישע קהילה געשפילט א הויפט ראלע בנוגע די אידישע אינטערעסן פון אלע אנדערע קהילות.

פרעשבורג האט במשך די אלע יארן - ביז'ן חתם סופר - געהאט בארימטע רבנים און גאוני ישראל. דער לעצטער פון זיי איז געווען דער גאון מפורסם רבי משולם איגרא זצ"ל. ער האט געעפענט און געפירט די גרויסע פרעשבורגער ישיבה וואס האט צוגעצויגן צו זיך תלמידים פון פיל שטעט פון אונגארן און גאליציע. פרעשבורג איז געווארן א מרכז התורה, וואו ס'האט זיך גענומען וואסן גדולים בתורה וועלכע האבן דערנאך בגודל תורתם באשיינט די אידישע וועלט. ס'איז דעריבער זיך נישט צו חידוש'ן, אז נאך די פטירה פון ר' משולם איגרא איז פאר די פרעשבורגער בעלי בתים נישט געווען לייכט צו געפינען א פאסיגן ממלא מקום.

פיר יאר האט געדויערט ביז מ'האט זיך פאראייניגט וועמען אויסצוקלויבן אלס פרעשבורגער רב. מ'האט געווארפן גורל צווישן פיר הויפט קאנדידאטן, הגאון רבי עקיבא אייגער, דער ברוך טעם, און הגאון רבי שלום אוללמאן לאקענבאבער רב, און דער דעמאלטדיגער מאטעסדארפער רב, רבינו הגאון רבי משה סופר, זצוק"ל. הגם דער חתם סופר איז געווען יונגער ווי די אנדערע גדולי הרבנים פון זיין דור, איז ער שוין דאן געווען וועלט בארימט מיט זיין גאונות, חכמה און רבני'שער הנהגה. שוין אין זיינע פריערדיגע רבנות'ן איז ער געווען דערהויבן צו גאר א הויכע מדריגה אין אלע הינזיכטן פון א מנהיג וגאון ישראל, און טאקע דערפאר איז מיט זיין אויסוואל פרעשבורג אזוי רומפול פאראייביגט געווארן אויף דער אידישער וועלט-מאפע.

## העכער מענטשליכע השגות

באלד נאכ'ן ווערן רב אין שטאט האט דער הייליגער חתם סופר גענומען אויסברייטערן די פרעשבורגער ישיבה. ס'איז געווארן א תל תלפיות פאר די בעסטע בני תורה פון גאנצן לאנד און אויסער אירע גרעניצן. גענוג צו דערמאנען בלויז עטליכע פון די הייליגע תלמידים וואס זענען געקומען לערנען אויף פרעשבורג: דער מהר"ם שיק, דער מהר"ם אש, דער קול ארי', רבי הלל קאלאמייער, און נאך אנדערע אזעלכע גאונים וקדושים זצ"ל, וואס האבן ווייטער פארשפרייט און מוריש געווען תורתו ודרכי החתם סופר זי"ע. די הנהגת הישיבה איז געווען נעבן אזופיל ענינים גבוהים וקדושים אין וועלכן דער רבן של ישראל האט טעגליך עוסק געווען.

**...עס האט דאך דער הייליגער צאנזער רב זי"ע שוין געשריבן אין א תשובה, אז ער קען נישט זאגן אנדערש ווי: 'מרן רשכבה"ג החתם סופר ז"ל כי אינני מבין בקי בשיחת חולין דיליה'...**



דער גרויסער
ארטאדאקסישע שול 'מיטן טורעם'



מזרח וואנט פון שוהל



אינעווייניג אין די ארטאדאקסישע שול אין פרעשבורג. דער שול איז חרוב געווארן ביי די קריג

# א וואונדער ארט אין דעם שטאט

ס'דא א חידוש פון א חתם סופר אויפן חז"ל פון 'עומדים צפופים ומשתחוים רווחים', אז דאס האבן גענוג פלאץ פאר די השתחוי' איז נישט קיין וואנדער, ווייל – כלה"ק: 'במועט מחזיק מרובה במקום קדוש', נאר די נס איז גאר געווען דאס 'עומדים צפופים', אז כאטש וואס אין א מקום קדוש איז דא גענוג פלא פאר יעדן, איז געווען א נס אז מ'איז געווען צפוף, אלץ כדי מ'זאל באקומען שכר, ווי חז"ל זאגן 'אגרא דכלה דוחקא', די שכר פון קומען הערן הלכות רגל איז פאר'ן זיצן צוזאמענגעקוועטשט.

איז מערקווערדיג – און באקאנט – וואס דער הייליגער חתם סופר שרייבט אויף דעם אין (שו"ת יורה דעה סימן רל"ד) אז אין תשב"ץ שטייט, דאס אויך בזמנו האט מען יו"ט שבועות געזען אזא נס, אז אין אן ענגען פלאץ אין א בית הכנסת אין ירושלים איז נישט געווען קיין ענגשאפט, כאטש וואס מ'איז זיך דארט צוזאמענגעקומען פון גאנצן ארום.

דער חתם סופר איז ממשיך: 'וה' יודע כי עיני ראו בחו"ל דבר זה, ולא אוכל לפרש מפני פריצי עמנו', איז ידוע פון פריערדיגע אז זיין כוונה מיט אזא פלאץ אין חו"ל איז אין פרעשבורג, וואס דאס ביהמ"ד פון הייליגן חתם סופר האט געהאט א קליינעם היכל, און האט אריין גענומען הונדערטער תלמידים וואס זענען געקומען הערן זיינע הייליגע שיעורים.

'מיר פאלן דא אריין מיט ווערטער פון התנצלות': מ'קען גאר-נישט מיט קאלטע געדרוקטע שורות שילדערן און ארויסברענגען עבודת החתם סופר מדי יום ביומו. עס האט דאך אין זיך כולל געווען פירן די ישיבה און זאגן שיעורים, דאס פארנומען זיין מיט שטאטישע און קהל'ישע ענינים, און ועל כולם מיט דאס ענטפערן און שרייבן די מורא'דיגע תשובות להלכה צו די אלע שאלות וואס האבן נישט אויפגעהערט קומען פון נאענט און ווייט. אט דאס אלץ איז אויסער זיין אייגענע און העכערע עבודה בתורה ובתפילה, וואס דאס אלץ אינאיינעם איז ווייט ווייט אוועק פון מענטשליכע השגות. עס האט דאך דער הייליגער צאנזער רב זי"ע שוין געשריבן אין א תשובה, אז ער קען נישט זאגן אנדערש ווי [-מיט זיין הייליג לשון:] 'מרן רשכבה"ג החתם סופר ז"ל כי אינני מבין בקי בשיחת חולין דיליה'.

פון דעם שטאט פרעשבורג איז געפירט געווארן דער גרויסער און היסטארישער מלחמת ה' קעגן אלע פראוון פון ברעכן די מויערן פון דת. דער הייליגער חתם סופר האט געווארנט אין זיינע פייערדיגע דרשות קעגן אלע אפנייגנגען וואס פירן שפעטער אינגאנצן אוועק פון אידישקייט. דאס איז געווען דער קאמף קעגן די ערשטע רעפארם ווינטן וואס ס'האבן אנגעהויבן בלאזן אין יענע מדינות. דער חתם סופר האט דאן אוועקגעשטעלט די אייביגע יסודות דורך וועלכע מען קען זיך האלטן קעגן אלע שעדליכע שטראמען וואס קענען אונטערקומען אריינצודרינגען בתוך כלל ישראל, ח"ו.

ס'מערקווערדיג וואס ווערט דערציילט פון יענע תקופה, אז א דעלעגאציע פון משכילים זענען אמאל געקומען צום קעניגליכן שטעלפארטרעטער און געבעטן זיין באוויליגונג צו גרינדן אין פרעשבורג א מאדערנער שול. ווען דער שטעלפארטרעטער האט זיי געפרעגט: וואס זאגט אייער רב צו דעם? האבן זיי געענטפערט: אונזער רב איז א פאנאטיקער א



אן אלטע צייכענונג פונעם פרעשבורגער שאלס אויף שפיץ בארג - צוליב אט דעם פעסטונג האט דער גאנצער בארג און די אומגעגנט באקומען דעם נאמען 'שלאסבערג'



דער מאיעסטעטישער שאלס אויף שפיץ בארג ווי עס זעהט אויס היינט צו טאג - פון אונטן לויפט דורך דער דונא טייך

צוריקגעשטאנענער, ער ווייסט נישט וואס קולטור הייסט. ביי די ווערטער איז דער אונגארישער שטאטסמאן אויפגעשפרינגען און מיט כעס געזאגט: ווי איך זע ווייסט איר נישט אדער איר ווילט נישט וויסן ווער אייער רב איז! מיר דא ווייסן עס יא און מיר ווייסן עס מער פאר אייך.

זאלט איר וויסן אז גלייך ווען רבי סופר איז אהער אנגעקומען, און הערנדיג פון עטליכע אידן אז ער איז אזא קלוגער, האבן מיר במשך פון א גאנץ יאר דורך א פארטרויאונגסמאן אויפגעמאכט די בריוון וואס זענען צו אים אנגעקומען און וואס ער האט ארויסגעשיקט. מיר האבן באוואונדערט זיין גרויסקייט, זיין שכל הישר. ער איז דער גרעסטער איד וואס מיר קענען. פרואווט-זשע נישט צו טון זאכן אויב ער שטימט נישט איין מיט זיי.

אין די צייטן פון די חתם סופר האבן די אידן אין פרעשבורג נאך אלץ מערסטנס געלעבט אין זייער אידישן קווארטאל אדער געטא. די אידישע קהילה איז פאקטיש צום גרויסן טייל געווען א מין מוניציפאלע זעלבסט פארוואלטונג. די פרעשבורגער אידן האבן געפירט זייער קווארטאל אויף א מוסטערהאפטן ארגאניזירטן אופן, מיט אן אייגענער שפיטאל, אן אייגענעם פייערלעשער בריגאדע, סאניטארע דינסטן א.א.וו. און דערביי שטרענג אפגעהיטן די דינים די אידישע מנהגים לויט די אנווייזונגען פון זייער גרויסן רב.




באַ'חנ'טע פרעשבורגער אינגלעך אויפן וועג גייענדיג אין חדר - דער בנין פון די תלמוד תורה יסודי התורה אין פרעשבורג עטליכע יאר פאר די קריג

# פרעשבורג בלייבט פרעשבורג

נאכ'ן הסתלקות פון גאון ישראל און פוסק הדורות מרן החתם סופר זי"ע איז דאס כסא הרבנות אין פרעשבורג איבערגענומען געווארן פון בנו הגאון הקדוש ר' אברהם שמואל בנימין סופר זצוק"ל, באקאנט אויפ'ן נאמען פון זיינע ספרים 'כתב סופר'. נאך בחייו פון זיין טאטע האט ער איבערגענומען א פירנדע ראלע אין די ישיבה, און דאס איז נאטירליך געווארן פארגרעסערט ביי איבערנעמענדיג דעם רבנות פון שטאט.

דער הייליגער כתב סופר איז טראץ זיין יונגען עלטער געווען דער צענטראלער אדרעס נישט נאר פאר אידן אין פרעשבורג, נאר פאר אלע אידן אין די עסטרייכיש-אונגארישער אימפעריע און אויסער אירע גרעניצן. ער האט ווייטער געפירט דעם קאמף קעגן די רעפארמער און איינברעכער פון די חומות הדת. די בארימטע 'טיילונג' איז געווארן דורכגעפירט בימיו, און ער האט געהאט אין דעם א הויפט חלק.

אויך אין זיין צייט איז דער פרעשבורגער ישיבה געווען א צוציאונג'ס פלאץ פאר די בעסטע בני תורה פון אלע טיילן אונגארן, עסטרייך און דייטשלאנד. אין זיין צייט האט די ישיבה זוכה געווען צו א פראכטפולן אייגענעם בנין. צווישן זיינע בארימטע תלמידים זענען דער בעל ערוגות הבושם, דער אונסדארפער רב, ר' קאפל רייך פון בודאפעסט, דער יד רמ"ה, זצ"ל.

גענוי אזוי ווי זיין פאטער דער חתם סופר, האט דער כתב סופר געקעניגט אין פרעשבורג 33 יאר. דערנאך איז געווען רב אין שטאט זיין דריטער זון הגאון הקדוש ר' שמחה בונם זצ"ל, באקאנט אלס דער 'שבט סופר'. ער האט גע'ירש'נט א סאך פון די כוחות פון זיין גרויסן טאטן אין לומדות ווי אין הנהגה. אזוי ווי זיין זיידע און טאטע האט דער שבט סופר געשטעלט אין צענטער פון זיינע פעולות דאס אנפירן מיט די פרעשבורגער ישיבה, וואס איז ווייטער געווען דער תל תלפיות פאר די אויסגעצייכנטע בני תורה פון לאנד און פון די שכנות'דיגע לענדער.

אין זיין צייט האט די קהלה רענאווירט די גרויסע שול, ארום וועמענס פראכטפולן טורעם עס זענען נאך אין די צייטן פון כתב סופר געווען חילוקי דיעות. געווען אזעלכע וואס האבן דעם טורעם באטראכט פאר א מאדערנער זאך. אבער גובר געווען האט די מיינונג פון יענעם ציבור וואס האט געהאלטן אז נאכדעם ווי דער כתב סופר האט עס געלאזט, איז עס א סימן אז דאס איז נישט אין סתירה און נישט קיין פארשוועכונג חלילה פון די קדושת בית הכנסת. אויך האט די קהילה יענע צייט אויסגעבויט א פראכטפולע מקוה טהרה מיט די נייעסטע היגיענישע מעגליכקייטן. אויך די מקוה אין פרעשבורג איז געווארן א מוסטער פאר אנדערע קהילות ווי אזוי צו שטארקן טהרה צווישן אידישע קינדער.

אין יאר תרע"ג - א קליינע צאל יארן פאר'ן ערשטן וועלט קריג - האט אויסגעבראכן א גרויסע שריפה

אין פרעשבורג. כמעט אלע הייזער אין די יודען גאס זענען אויפגעגאנגען אין פלאמען. אידן אין גאנצן לאנד האבן אין אנערקענונג פאר פרעשבורג שנעל געאיילט מיט הילף, און אין משך פון א יאר איז דער אידישער קווארטאל צוריק אויפגעבויט געווארן צוזאמען מיט די ישיבה וואס האט נאך זוכה געווען צו א גרעסערע בנין פון פריער.

ישיבת פרעשבורג האט אנגעהאלטן אין פארלויף פון די גאנצע ערשטע וועלט מלחמה און אפילו געוואקסן מיט די צאל תלמידים נאכדעם ווי א גאנצע רייע ישיבות איבער׳ן לאנד האבן זיך געמוזט שליסן. די קהילה האט אויסגעווירקט די באפרייאונג פון די ישיבה תלמידים פון מיליטער דינסט און זיי פארזארגט מיט אלע זייערע געברויכן.

ווייטער נאך די ערשטע וועלט מלחמה זענען געקומען פרישע יארן פון בלי פאר׳ן פרעשבורגער אידנטום. די קהילה האט אין יענע צייט אויפגעשטעלט א גאנצע רייע פון קהל׳ישע בנינים לשם ולתפארת. א פראכטפולע שול אויף די פרייס-קרישדארף, א בנין פאר די רוחניות׳דיגע טעטיגקייטן פון דער קהלה, וואו עס האט זיך געפינען די חברי מבקשי תורה, תורת חסד, א.א. ווי אויך א גרויסן בנין פאר׳ן קהל׳ישן בית יתומים, א נייעם שפיטאל בנין, און נאך א שטאק פאר׳ן קהל׳ישן מושב זקנים.

ס׳איז אינטערסאנט צו באמערקן פון יענע די יארן צווישן די צוויי וועלט מלחמות, אז דעמאלט האט אויך אין פרעשבורג טיילווייז אריינגעדרינגען די גייסט פון חסידות. קיין פרעשבורג האבן איינגעוואנדערט אידן פון קארטאפן רוסלאנד, וואס זענען געווען אדוק אין חסידישע רבי׳ס ווי וויזשניץ מונקאטש בעלז און אנדערע. אזוי איז אין געוויסע הינזיכטן אויך פרעשבורג נשפע געווארן פון רוח החסידות.

נאכ׳ן ׳שבט סופר׳ האט איבערגענומען דאס רבנות זיין זון הגאון הצדיק ר׳ עקיבא סופר דער ׳דעת סופר׳. ער האט אויך ווייטער געפירט די בארימטע פרעשבורגער ישיבה אויף א גרויס פארנעם. ער איז געווארן אויסגעקליבן אלס דער נשיא פון דער רבנ׳ישער קערפערשאפט וואס האט אונטער זיך פאראייניגט העכער 300 ארטאדאקסישע קהילות איבער אונגארן. אויך ער האט משמש געווען א תקופה פון 33 יאר אלס רב פון פרעשבורג. ער האט זיך בסייעתא דשמיא באוויזן צו ראטעווען פון חורבן אייראפע און עולה געווען קיין ארץ ישראל וואו ער האט פונדאסניי אויפגעשטעלט דעם פרעשבורגער ישיבה בעיה״ק ירושלים ת״ו.

אגב. די סיבה דערצו איז געווען ווייל די ערשטע דריי דורות רבני משפחת הסופרים הגה״ק מרן החתם סופר, בנו הכתב סופר ובנו השבט סופר זצ״ל האבן אלע משמש געווען ברבנות אין פרעשבורג פאר א צייט אפשניט פון בערך 33 יאר, און דערויף זענען זיי נפטר געווארן. בשנת תרצ״ט איז געווארן 33 יאר פון ווען דער דעת סופר האט איבערגענומען די שבט ההנהגה מאביו השבט סופר שנסתלק בשנת תרס״ו, האט ער מורא געהאט פון די חזקה, און איז ארויף אויף אר״י, וואו ער האט טאקע געהאט אן אריכות ימים.


מספר

אלה שמות המנדבים

טאוועל פון די וואס האבן צושטייער געגעבן נאכן גרויסן שריפה אין שטאט

אזוי ווי אלע אנדערע שטעט פון אידשן אייראפע האט פרעשבורג מיטגעמאכט דעם ביטערן חורבן. פון א אידישער באפעלקערונג פון נאענט צוואנציג טויזענט, איז ליידער איבערגעבליבן וויניגער ווי א טויזענט פרעשבורגער אידן. ה׳ ינקום דמם. באלד נאכ׳ן מלחמה האט דער פרעשבורגער קהילה זיך גענומען ווידער ארגאניזירן און אפילו געהאט אן אייגענעם בית דין פון א צאל גראטעוועטע רבנים. זיי האבן אסאך אויפגעטון אין די ענינים פון היתרי עגונות און געהאלפן די פארבליבענע אידן צו קענען אנהייבן ווייטער פירן א אידישע לעבן.

פאר א קורצע צייט איז פרעשבורג דעמאלטס געווען די צענטער פון די גראטעוועטע אידן פון די שטאט און פון אנדערע שכנות׳דיגע אידישע קהילות. אבער צוביסלעך האבן די אידן יעדער פאר זיך ב״ה געפינען א נייע היים אין אנדערע לענדער וואו ס׳האט דעמאלטס אנגעהויבן צו בליען א געהעריגער אידישער לעבן. ס׳נאר געבליבן וואוינען דארט בלויז אייניגע אידישע איינוואוינער. - אזוי איז דאס אמאליגער הערליכער אידישער פרעשבורג גענצליך אונטערגעגאנגען!

אן אמת׳ן זכר פון אמאל איז נאר געבליבן אויף דעם בית החיים וואו עס איז די הייליגע מקום מנוחה, דער ציון המציונת פונעם היילגן חתם סופר זי״ע, וואס ער איז געקומען למנוחות עולמים, אויף איר היסטארישן אלטן בית החיים, צווישן אירע גדולים וגאונים מדורות הקודמים.


רב פון שטאט הגאון ר׳ עקיבא סופר זצ״ל (מיטן רוקן צום בילד) ביים מקבל פנים זיין דעם קייסער פראנץ יוזעף

# היסטאריע
# פונ׳ם בית החיים

איצט די היסטאריע פונעם בית החיים הישן אין פרעשבורג: מיט די אויפבלי פון א אידישע קהילה אין שטאט, קומט נאטורליך מיט א פארלאנג פאר אידישע אינסטיטוציעס ווי; שולן, תלמודי תורה צענטערן, גמילות חסדים און ביקור חולים ארגענעזאציעס, ביז א חברה קדישא און א בית מועד לכל חי. א אידישע בית עלמין, צו קענען ברענגען די נפטרים פון די קהילה צו זייער אייביגע רוה. די ראשי הקהילה האבן תיכף ביים יסוד פון די קהילה אין די ערשטע יארן, אויך צאמגעשטעלט אן אקטיווע חברה קדישא פון ערליכע מיטגלידער, און מיט די שאפונג פון די חברה קדישא האט די קהילה מייסד געווען איר ערשטער אפיציעלער בית החיים בשנת ה׳ תנ״ו.

פארן פלאץ פונעם בית החיים איז אויסגעוועלט געווארן א שטח, אינדרויסען פון שטאט אין די שלאסבערג געגענט. דער נאמען פונעם שלאסבערג געגענט קומט פון דעם, וואס באלד ביים אריינגאנג צום פארשטאט פון פרעשבורגבאגעגנט מען זיך מיט דעם גרויסען בארג אויף די ברעגעס פונעם דונא, אויפן שפיץ פונעם בארג איז געבויעט געווארן מיט יארן פריער דער גרויסער פעסטונג באקאנט אלס די פרעשבורגער שלאס. (ווי דערמאנט אויבן אז דארט איזגעווען אמאל א מקום מקלט פאר די אידן אין פרשבורג.) אזוי ארום האט דער גאנצער געגנט געקריגן דעם נאמען שלאסבערג. צופיסנס פונעם בארג האט די קהילה אפגעקויפט א גרויסען באדן פארן באנוץ פונעם בית החיים, דאס איז הארט ביים גרעניץ פון די שטאט. אויף די אנדערע זייט פונעם ביה״ח לויפט אדורך דער באקאנטער דונא-טייך, וועלכע פליסט אדורך די ברייט פון אייראפא.

במשך די אלע יארן האט זיך דער בית החיים צוביסליך אנגעפילט, ספעציעל מיטן וואוקס פון די קהילה און אירע מיטגלידער. דערונטער האט דער בית החיים מערערע מאל געליטן שאדנס, הויפטזעכטליך איז דאס געקומען צוליב איר געאגראפישן אויסשטעל אויף די מאפע. נישט איינמאל האט פאסירט אז דער בית החיים איז אריבער פראבלעמען און געליטן חורבנות. צווישן די צרות וואס האט באטראפן דעם בית עלמין איז געווען ביי די באקאנטע מלחמה בשנת תקס״ט, וואס איז פארגעקומען צווישן פראנקרייך און עסטרייך, אין שפיץ פון דער פראנצויזישער הערשער נאפאליאן בונאפורטא. דאס איז געווען ווען נאפאליאנ׳ס ארמיי האט באלאגערט די שטאט פרעשבורג, וואס ווי דערמאנט איז דער ביה״ח געווען ביים גרעניץ פון די שטאט, און דאס איז געווארן א צענטער-פונקט פון די שלאכטן. ליידער אויף איר שטח האבן די סאלדאטן גענומען פאזיציעס פון וואו צו קענען ציל-שיסען אקעגן דעם שונא, פאראורזאכנדיג חורבנות צו צענדליגע קברים און מצבות אויפן ביה״ח רח״ל.



היסטארישער בילד פון מציבת החתם סופר זצ״ל בשנת תר״פ תחת כיפת השמים. עטליכע צוואנציג יאר פאר די הירוס וחורבן הבית עלמין. (ווערט באמערקט די שטארקע געדרענג צווישען די קברים)



א טייל פון אלטן בית החיים פארן חרוב ווערן

דער הייליגער חתם סופר האט אפגעשריבן א ספר זכרון נאך די דערמאנטע מלחמה, איבער די מאורעות וואס האט באטראפן פרעשבורג אין די מלחמה יארן. אויך גייט דער חתם סופר אדורך אנדערע געשעעענישן פון יענעם יאר תקס״ט, צווישן די ענינים דערציילט דער חת״ס (ספר הזכרון דף ט׳ ע״א) אז נאך א קאלטן ווינטער וואס האט אפגעפרוירען דעם דונא טייך, איז פלוצים ביום י״ב שבט תקס״ט, געווארן א ווארימער וועטער וואס האט צוגעברענגט אז די שנייען פון די בערג, און דער פארפרוירענער טייך, האבן זיך מיטאמאל אנגעהויבן אויפלאזען, פאראורזאכנדיג א שטארקער איבערפלוס פון וואסער אינעם דונא. דאס וואסער האט געשטראמט מיט א ווילדן טעמפא פון די שטאט וויען אדורך קיין פרעשבורג, און ערגעצוואו ביים אריינגאננג צום שטאט פרעשבורג האט זיך דער טייך פארהאנקערט. דאס וואסער האט נישט געקענט ווייטער פליסן אין אירע גרעניצן. דאס האט געברענגט א פארפלייצונג איבער די גאסן פון פרעשבורג. צענדליגע הייזער זענען חרוב געווארן פונעם וואסער, און אירע איינוואונער האבן געליטן שווערע שאדנס, דאס אלעס שרייבט דער חתם סופר אראפ בפרטי פרטים.

# קרוינונג אין טאג פון יו"כ אין פרעשבורג ווערט צושטערט

די מעשה האט דערציילט די טאכטער פון דעם חת"ם סופר זצ"ל, מרת שמחה ע"ה. טראץ דעם וואס די שטאט בודאפעסט איז געווען די הויפטשטאט פון אונגארן, איז אבער געווען אזא טראדיציע פון די פריערדיגע צייטן אז דעם קעניג האט מען געקרוינט אין דער שטאט פרעשבורג.

איינמאל איז אויסגעקומען אז דער קרוין טאג פון דעם קעניג איז אויסגעפאלן אום יום כפור. דער חת"ם סופר זצ"ל האט דערפון געהאט גרויס צער און עגמת נפש, ווייל ער האט זיך פארגעשטעלט אז פיל אידן וועט אויסקומען צו פארשוועכן דעם הייליגן טאג פון יום כפור.

די אלע מעגליכקייטן און שתדלנות'ן וואס די פרנסים פון דער שטאט האבן אנגעווענדעט אפצושטופן דעם קרוין טאג אויף א אנדער טאג אויסער יום כפור, האט זיך זיי נישט איינגעגעבן. יענעם ערב יום כפור איז דער חת"ם סופר זצ"ל נישט געקומען אהיים באלד נאכן דאווענען, טראץ דעם וואס אין דעם טאג איז א מצוה צו עסן, נאר ער איז פארבליבן אין שול ביז מיטאגצייט און געווען פארדבקה'ט אין תפילה.

נאכמיטאג האט זיך דער הימל פלוצלונג באדעקט מיט שווארצע וואלקענעס. א שלאקס רעגן האט זיך אראפגעלאזט באגלייט מיט שטארקע שטורם ווינטן. אלס רעזולטאט דערפון זיינען צושטערט געווארן אלע פאראד טויערן, טאוולען און באפוצונגען וועלכע זיינען צוגעגרייט געווארן וואכן פריער לכבוד דעם קרוין טאג.

דער דונא טייך איז איבערגעגאסן געווארן און פארפלייצט עטליכע קווארטלן. הונדערטער הייזער זיינען חרוב געווארן און טויזנטער מענטשן זיינען געבליבן אן א דאך איבערן קאפ. אלס רעזולטאט פון דעם פארפלייצונג האט די רעגירונג געמוזט אפשטופן דעם פאראד ביז נאך סוכות.

אויף מארגן פון יום כפור איז דער הייליגער חתם סופר זצ"ל שטארק קראנק געווארן און עטליכע וואכן איז ער געווען אין גרויס געפאר. ביז מען האט פון הימל זיך מרחם געווען אויף אים און אויף זיין דור און ער איז צוריק געזונט געווארן.

ענדיגט אבער דער חת"ס בזה"ל 'והעולה על גביהן, כי בעו"ה בחטאנו, היתה יד ה' בנו ובאבותינו, זה חטוטי שכבי [יבמות ס"ג ע"ב], כי מחמת השטף נהרסה חומת בית הקברות ונשתברו מצבות, וגם הבתים של קדושי עליונים מקום קברי הרבנים זכותם יגן עלינו, אשר בנו ציון על קברם, הכל נהרס'. (אידישע איבערזעצונג: דאס ארגסטע פון אלעם האט אבער פאסירט בעוה"ר, ווען דער וואסער-פלייץ האט אומגעווארפן די חומה פונעם בית החיים און פילע מצבות זענען צובראכן געווארן. אויך די אוהלים און בנינים פון די קדושי עליונים, וואס מ'האט געהאט געבויעט איבער די ציונים פון די רבנים זכותם יגן עלינו, אלעס איז גענצליך רואינירט געווארן.

שפעטער, שוין נאכן פטירה פונעם חתם סופר בשנת תר"ה, ביום שביעי של פסח, אין די צייטן ווען דער כתב סופר איז געזיצן על כס הרבנות, איז אויך פארגעקומען א מלחמה וואס האט אריינגענומען די שטאט פרעשבורג, ווען זעלנער האבן פארשוועכט דעם בית החיים אריינגערכנט דאס צוברעכן פון צענדליגע מצבות און אנדערע שאדנס. (איבער די נסים פון די מלחמה אין יענע יארן, האט דער כתב סופר איינגעפירט, אז יעדעס יאר שביעי של פסח זאל מען איינטיילן אין די בתי מדרשים צו זאגן תהלים און לערנען, פאר תפלת מוסף, להודות לה' אויף די חסדים וואס איז דעמאלטס געווען פאר די תושבי העיר פרעשבורג).

## פארלוירענע מצבות פון אדירי התורה

די פילע שאדנס צו דעם בית החיים אין לויף פון די יארן, האט באוואוגן הג"ר יצחק ווייס זצ"ל-הי"ד דער שפעטערדיגער ראב"ד פון ווערבוי, מעתיק צו זיין די נוסחאות פון צענדליגע מצבות פונעם אלטן בית החיים, וואס ער האט געדרוקט אונטערן נאמען אבני בית היוצר אז עס זאל בלייבן למשמרת עולם. אין די הקדמה שרייבט דער ווערבויער דיין זצ"ל מיט באדויער, אז ליידער האט

ער נישט באוויזען צו טרעפן די מצבות פון פינף גדולי התורה מחכמי ורבני עיר פרעשבורג, צדיקים וואס ער האט געוואוסט אז מנוחתם כבוד איז אין יענעם בית החיים, 'ומרוב התלאות נאבדו זכרם'. ער רעכנט אויס די פינף גדולים, בראש וראשון הגאון ר' יו"ט ליפמאן ז"ל דער ערשטער רב אין פרעשבורג וועלכער איז געקומען אהין פון וויען ביי די באקאנטע גירוש בשנת ת"ל. בשנת תנ"ה האט שוין ר' יום טוב ליפמאן ז"ל משמש געווען ברבנות העיר פרעשבורג, ווי מ'זעט פון די הסכמה וואס ער האט געגעבן אויפן ספר ויקהל משה אין יענעם יאר (נדפס בדעסויא בשנת תנ"ט) די אנדערע מצבות וואס דער ווערבויער דיין האט נישט געטראפן זענען פון די דריי חברי הבי"ד דעיר פרעשבורג בימי כהונת המהר"ם ברבי, דאס זענען; הגאון ר' יצחק איצק שאכרלס זצ"ל בעמח"ס קרבן אשם על עשר מסכתות הש"ס (נדפס בזאלצבאך בשנת תקל"ז בהסכמת המהר"ם ברבי אב"ד פרעשבורג) והגאונים ר' צבי דוב ב"ר מיכאל לייב מרגליות ור' דוד קיצע זצ"ל.

צו לעצט רעכנט ער אויס הגאון הגדול ר' מיכאל הכהן כ"ץ זצ"ל אב"ד סערדאהעלי וועלכער איז נסתלק געווארן זייענדיג אין פרעשבורג אויפן יו"ט שבועות בשנת תקע"ב ושם מנו"כ. דער סערדאהעלער רב ר' מיכאל איז געווען אן איידעם ביים באקאנטן גאון ר' דוד דייטש בעמח"ס אוהל דוד. ווי די זקני העיר פלעגן דערציילן, האט דער הייליגער חתם סופר מספיד געווען דעם סערדאהעלער רב נאך יו"ט, אנהייבנדיג מיט'ן פסוק 'וביום העצרת בהקריבכם מנחה חדשה לה' בשבועותיכם'. אויך זיין מציבה האט ער נישט באוויזען צו אנטדעקן.

## דער ביה"ח די לעצטערע יארן אין באנוץ

דער אלטער ביה"ח האט געדינט די שטאט פון תנ"ו ביז ארום שנת תר"ז. ביום כ"ה תשרי שנת ת"ר, דער ווייטאגליכער טאג פאר עיר פרעשבורג ולכל בית ישראל , ווען זייער באליבטער רב הגה"ק בעל חתם סופר זצ"ל איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים, איז אויך געווען דער אלטער בית החיים אויף וועלכע דער הייליגער גוף איז געקומען למנוחת עולמים צווישן די אנדערע רבנים מפורסמים וגדולי התורה פון די דורות הקודמים. דאס האט צוגעגעבן צום חשיבות פונעם בית החיים ווערנדיג א תל תלפיות שהכל פונים אליו. יעדעס יאר ביי די יארצייט איז דער ציון פונעם חתם סופר באזוכט געווארן דורך הונדערטער אידן מרחבי אונגארן, און אזוי אויך אין אנדערע צייטן פונעם יאר, וואו אידן פלעגן קומען שופך שיח זיין, לערנען משניות און צינדן א ליכט לע"נ רבם ומאורם זי"ע.

אזוי האט עס אנגעהאלטן ביז סוף פונעם יאר תר"ו - אנהייב יאר תר"ז, ביי ווען דער ביה"ח האט אנטהאלטן אזויפיל ווי 6000 קברים, וואס דער שטח האט שוין ממש נישט געקענט פארנעמען. אין די לעצטערע צייטן האט די חברה קדישא שוין נישט געהאט קיין ברירה נאר מקבר צו זיין נפטרים אין עטליכע שיכטן, נישט קריגענדיג פון די רעגירונג קיין נייע שטח פאר א ביה"ח. ענדליך בשנת תר"ז האט די קהילה באקומען א גרויסע שטח אויבן אויף די שיפקייט פונעם שלאסבארג, און פון יענעם יאר איז דער אלטער ביה"ח ארויס פון באנוץ אויף צו באערדיגן נפטרים, און איז זעלבסטפארשטענדליך געבליבן פארהייליגט און געשעצט אלס א מקום קדוש, וואו אידן פלעגן כסדר אראפגיין מתפלל זיין על קבר אבותיהם ורבותיהם, חכמי וגאוני העיר ורבניה, גאוני עולם ומצוקי תבל, זכר צדיקים לברכה.

דער נייער בית החיים האט פון דעמאלטס אנגעהויבן דינען פאר תושבי פרעשבורג וחברי קהלותיה, ובתוכם אלס מקום מנוחה פאר די רבני העיר, אנגעהויבן פון הייליגן כתב סופר זצ"ל ובנו השבט סופר, ווי אויך פאר די צענדליגע רבנים פון בתי מדרשים און שולן פון די גרויסע שטאט, דיינים ומורי צדק, מגידי מישרים ותופסי ישיבה און פני וראשי הקהילה. דער בית החיים איז נאך געבליבן אין באנוץ נאך די קריג פאר דאס קליין הייפעלע אידן וואס זענען דארט פארבליבן וואוינען. ס'איז געבליבן אפגעהיטן דורכאויס די מלחמה יארן, ווי אלע אריגינעלע מצבות שטייען אין טאקט עד היום הזה.





בילד פונעם אלטען בית החיים אין פרעשבורג פארן חורבן.

**...ליידער אויף איר שטח האבן די סאלדאטן געוואוינט ... פאזיציעס פון וואו צו קענען ציל- שיסען אקעגן דעם שונא, פאראורזאכנדיג חורבנות צו צענדליגע קברים און מצבות אויפן ביה"ח רח"ל....**

## דער ענדגילטיגער חורבן פונעם אלטן בית החיים

בימי הרת עולם, אינמיטן די צווייטע וועלט מלחמה אין די יארן צווישן תש"ג און תש"ה, האבן אויך די סלאוואקישע אידן געליטן פון די נאצישע נעגל און פון די ארטיגע רעגירונג, וועלכע איז געווען נאענט פארבינדן מיט די נאציס ימח שמם. אין סאמע ברען פון די ביטערע מלחמה האט די סלאוואקישע רעגירונג באשלאסן, איבערצוארבייטן די אינפראסטראקטור פון איר הויפטשטאט פרעשבורג (דעמאלטס האט עס שוין געטראגן איר סלאוואקישן נאמען מיט וועלכע זי איז ביז היינט באקאנט אלס בראטיסלאווא) און גענומען אויפבויען א מאדערנעם הויפט שאסיי אויפן שטייגער ווי די מערב-וועלט הייוועי-סיסטעמען, וועלכע זאל לויפן פאראלעל מיט'ן דונא-טייך, דורכהאקנדיג די שלאסבערג געגנט מיט א געבויעטן טונעל אונטערן ריזיגן בארג. דאס אדורכצופירן האט אויטאמאטיש געמיינט א גזירת חורבן וכליה אויפן אור-אלטן 250 יעריגער בית החיים, און א שענדונג צו די אריבער זעקס טויזנט קברים פון שוכני עפר רח"ל.

מיט די הערשאפט פון די דעמאלטסדיגע אנטיסעמיטישע רעגירונג, אין שפיץ פונעם קאטוילישן הערשער יאזעף טיסא ימ"ש, איז נישט געווען ערווארטעט אז זיי זאלן טוישן די פלענער איבערן לויף פונעם שאסיי, טראץ די ווייגעשריי פון די פרעשבורגער אידן, און אידן פון איבער דער גארער וועלט. פון די אנדערע זייט האט די וועלט האט דעמאלטס געברענט. טעגליך זענען אידן ערמארדעט געווארן דורך מיתות משונות ואכזריות רח"ל. רוב פונעם פוילישן אידנטום זענען שוין געווען פארניכטעט עקד"ה הי"ד, און דא ווער וועט זיך קימערן איבער די פרעשבורגער בית החיים. די ארטיגע אידן האבן געלעבט אין א פחד, ציטערנדיג יעדע ליאדע מינוט איבער זייער עקזיסטענס. קיין אפיציעלער רב האט שוין פרעשבורג נישט פארמאגט יענע יארן נאכדעם וואס דער 'דעת סופר' זצ"ל האט פארלאזט אייראפע און איז ארויף אויף ארץ ישראל בשנת תרצ"ט.

אויך זיין זון הגאון ר' אברהם שמואל בנימין סופר זצ"ל בעל 'חשב סופר' וועלכער האט איבערגענומען דאס רבנות אין פרעשבורג בשנת תרצ"ט, איז דעמאלס געווען אין בודאפעסט אויפן וועג ארויף אויף אר"י, וואו ער איז אנטלאפן ווען עס האט זיך אנגעהויבן די שווערע צייטן. אזוי ארום איז די הנהגה פון שטאט געבליבן צווישן די דיינים ורבני העיר מיט אן אפגעשוואכטע כח פון אלע זייטן, איבערלאזנדיג דעם נושא פונעם בית החיים און איר חורבן מיט שוואכע אויסזיכטן אפגעראטעוועט צו ווערן.

## די וואונדערליכע רעטונג פונעם ציון המצויינת

דאס איבערגעגעבנקייט פון די חברה קדישא לייט האט זיי אבער נישט געלאזט זיצן מיט פארלייגטע הענט. מיט זייער שווערע הארעוואניע און מיט די חכמה פונעם חכימא דיהודאי, דער מציל ומושיע הגה"צ ר' מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל אליינס א סלאוואקישער בירגער זייענדיג און איידעם ביים נייטרא רב זצ"ל-הי"ד, האבן זיי אנגעהויבן פאראורבעטן מעשים צו ראטעווען כאטש א חלק פונעם בית החיים, מקום מנוחת קדשו פונעם חתם סופר זצ"ל. די השתדלות האט אויך אריינגענומען אלוועלטליכע דרוק, נישט צו טשעפענען די קברים.

אט איז א הארצרייסנדער בריוו און אויפפאדערונג צום פרעשבורגער אידנטום מנדב צו זיין געלט ביים יארצייט פון חתם סופר בשנת תש"ד להצלת הבית החיים.


כפר לעמך ישראל - אלו החיים - אשר פדית ה' - אלו המתים
ואל תתן דם נקי בקרב עמך ישראל ונכפר להם הדם.

[illegible]

ובזכות הצדקה והגמילות חסדים נזכה
לקול מבשר מבשר ואומר ישועת ישראל לחיים ולחיים
א מ ן .

הארצרייסנדער בריוו און אויפפאדערונג צום פרעשבורגער אידנטום מנדב צו זיין געלט ביים יאהרצייט פון חתם סופר בשנת תש"ד להצלת הבית החיים

דער בריוו לייענט זיך ווי פאלגענד:

'פה פ"ק פ"ב יע"א, ד' דחוה"מ סוכות תש"ד לפ"ק כפר לעמך ישראל - אלו החיים - אשר פדית ה' - אלו המתים ואל תתן דם נקי בקרב עמך ישראל ונכפר להם הדם. אנגעריכט דער אונערוואַרטעטער גזירה וועלכע אונזער אלטעס בית החיים געטראפפן האט אונד אונס פאר אונטערהער..... פאסט אונאיבערמידדליכע אויסגאבן שטעללע, האבן די אלופי גבאים דח"ק וגמ"ח אים אינטערנעהמען דעם בית דין צדק מיט ראשי וטבוי דקהלתינו בעשלאססען, נעממליכע אחינו בני ישראל אהנע אויסנאמע אויפצופאדערן כפי השגת ידו - נאך זיינען פערהעלטניססען - אינען בייטראג אלס "כפר נפש" אבלעעזע צו בייטן, דאמיט דיע דורכפיהרונג דער דאמיט פערבונדענען אויסער ארדענטליכן ארבייטן דיע פערהיטונג אונד רעטטונג דער אנדערען הייליגן קברים ערמעגליכט ווירד. זאננטאג יומא דהילולא כ"ה תשרי הבעל"ט געיהט אם יאהרצייטסטאגע דעם הייליגן חתם סופר זיע"א דעססען קבר מיט קברי צדיקים וקדושים השי"ת אונס דעם זכי' געבע צו ערהאלטן, גיטטן מיר דן טאג דאמיט צו ווירדיגן, זעממטליכע בייטרעגע אונז שפענדן און דער חברא קדישא מאנסלייט צו ערלעגן. ובזכות הצדקה והגמילות חסדים נזכה לקול מבשר ואומר ישועת ישראל למתים ולחיים אמן'. אונטערשריפט פון די ראשי הקהילה וחברה קדישא, צווישן זיי ר' מרדכי פירסט און ר' אשר רייכנער הי"ד מיט דער אפיציעלער סטעמפל פון די קהילה און חברה קדישא.

בחסדי השם ממש בדרך נס ובאופן פלא, האבן די פעולות ההצלה עושה רושם געווען, און עס איז געלונגען פאר די אידישע געמיינדע אין פרעשבורג משחד צו זיין און אויסצופועלן ביי די רעגירונג אפצושווינען א קליין אינזל פונעם גרויסען בית החיים, פון גענצליכע פארטיליגונג. ר' מיכאל בער זצ"ל מיט די אנדערע עסקנים האבן זיך צוזאמענגעזעצט מיטן ארכיטעקט פונעם שאסיי, און מיט פונקטליכע דעטאלן אויסגעארבייט א פלאן וויאזוי צו פארקירעווען און אונטערהייבן אביסל דעם הייוועי

אריבער דעם שטח פונעם בית החיים, וואו דער הייליגער חתם סופר איז נטמן געווארן, און שאפן א הייל אונטער דער ערד מיט צוטריט צום קבר פונעם חתם סופר און ארום.

דאס גרויסקייט פונעם שטח וואס זיי האבן באוויזען צו ראטעווען, האט אריינגענומען אין זיך נאך דריי און צוואנציג קברים פון גדולים ורבנים פון פרעשבורג, אשר מפיהם אנו חיים ומימיהם אנו שותים, ובתוכם די קברים פון הגאונים; ר' מרדכי מוכיח, ר' משה חריף, ר' יצחק הלוי לאנדא מדוקלא, ר' מאיר ברבי, ר' עקיבא איגר (הראשון) בעל משנת דר' עקיבא און ר' משולם איגרא זצ"ל די רבנים אין פרעשבורג פארן חת"ס. אזוי אויך די קברים פון די גאונים ר' מרדכי טאסק און ר' דניאל פרוסטיץ ראשי הבית דין בפרעשבורג, און די קברים פון הגאונים ר' יואל בריסקער, ר' לייב בכרך און אנדערע גדולי התורה תושבי פרעשבורג. צווישן די אפגעראטעוועטע מצבות געפונט זיך אויך די מציבה פון די הייליגע רביצין פונעם חתם סופר, הרבנית שרל בתו של הגאון ר' עקיבא







בשעת די גראב אין בוי ארבעט אינמיטן די מלחמה יארן

איגר זצ״ל, וועלכע איז געשטאנען לימין בעלה הגדול, מיט א זעלטענע געטריישאפט ביז צו איר אינגע פטירה בשנת תקצ״ב. (ווען זי איז אינגערהייט נפטר געווארן האט איר גרויסער מאן איר מספיד געווען בתמרורים, פארטייטשענדיג אויף איר דאס גאנצע קאפיטל פון אשת חיל, דער הספד איז געדרוקט אין דרשות חתם סופר).

דער קליינער שטח איז בשעתו געווארן ארומגענומען מיט צעמענטענע ווענט וועלכע האט געדינט ווי א פונדאמענט צו א דאך, איבער וועלכע מען האט ווייטער געצויגן דעם דערמאנטן שאסיי, איבערלזאנדיג די קברים באגראבן אין א הייל, ווען איר איינציגע וועג אריין איז געווען דורך א שטאלענעם דעקל פון אויבן מיט א שמאלן לייטער פון צענדליגע פיס טיעף, אונטער דער ערד און אומבאלאכטן, אויף אן אופן וואס איז ממש געבליבן אוממעגליך צוצוקומען צו די קברים. די נידריגע געבוי פונעם הייל האט אויך געצווינגען אז עטליכע פון די העכערע מצבות זאלן ברויכן צונומען ווערן, און דער אויבערשטער טייל פון די מצבות האבן געברויכט אראפקומען, און זענען געשטעלט געווארן צופיסנס. אבער פארט איז עס לויט די דעמאלסדיגע אומשטענדן באטראכט געווארן ווי אן הצלה פורתא, אז כאטש זענען די עטליכע קברים געבליבן אומבארירט.



דער פלאן ווערט פארווירקליכט. היסטארישע בילדער פון די ארבייט ביים ציון פון חת"ס אינמיטען די מלחמה יארן אויף די אינטערווענץ פון ר' מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל און אנדערע עסקנים אפצוראטעווען א קליין חלק פונעם אלטען ביה"ח אין פרעשבורג

## מסירות נפש פאר די עצמות קדושות

די אידן פון פרעשבורג בימים ההם זענען געשטאנען הילפלאז איבער די הריסה פון די איבריגע נאענט צו זעקס טויזנט קברים, ווען טעגליך ווערן גאנצענע שטחים אויסגעריסען און פארדעקט. עס ווערט דערציילט אז די הערֿאישע מסירת נפש אידן פון פרעשבורג און ארום, אין שפיץ פון די חברה קדישא און דער גבאי ר׳ אשר רייכנער הי״ד, זענען טעגליך ארויס אויפן שטח הבית החיים, וואו זיי האבן געקליבן עצמות קדושות וועלכע האבן זיך געוואלגערט כדומן על פני השדה, און וויפיל זיי האבן געקענט ראטעווען האבן זיי אין גרויסע קאסטענעס מפנה געווען צום נייעם בית החיים, מקום מנוחתם פונעם כתב סופר ובנו השבט סופר זצ״ל. זיי האבן די הייליגע עצמות באערדיגט אין א מאסן קבר. מען זעט נאך היינט א טאוול אויף די רעכטע זייט פונעם אריינגאנג צום נייעם ביה״ח, מיט די אויפשריפט איבער די געראטעוועטע עצמות. די ארבייט איז געווארן באגלייט און אויסגעארבייט עפ״י הלכה, דורך די דיינים פון פרעשבורג בראש פון הגאון ר׳ שלמה זלמן אונדסדארפער זצ״ל-הי״ד מדייני העיר, וועלכער איז שפעטער דעפארטירט געווארן און ליידער אומגעקומען עקד״ה.

## הושענא ציון המצוינת

ווייטער נאכן קריג איז דאס ביה״ח ווייטער באהיטן געווארן געוויס אין זכות פונעם הייליגן חתם סופר, דער זייל פון די אונגארישע אידנטום און לייכט-טורעם פונעם יהדות החרדית איבער די גאנצע וועלט. ס׳איז דאך דער



פרעשבורג תש"ד אין שאטן פון טויט - פרעשבורגער אידן אין שפיץ פון חברה קדישא ביים מקבר זיין די עצמות קדושות פונעם אלטען בית החיים אינעם נייעם בית החיים הארט נעבן דעם אריינגאנג (מ'זעהט די מצבות פון די נייע ביה"ח אינעם הונטערגרונד)

חתם סופר וועלכער האט בחיים חיותו באלאכטן די אידישע וועלט בכח תורתו הקדושה, אויפגעשטעלט תלמידים לאלפים רבנים ומרביצי תורה ברחבי אייראפא, דער פוסק הדורות אשר מפיו אנו חיים מיט זיינע טויזנטער תשובות להלכה ולמעשה וועלכע דינען אלס א יסוד מוסד פאר שאלות וועלכע זענען נוגע אויפן טעגליכן לעבן עד ימינו אלה. און ועל כולם איז ער געווען דער שר צבא ה', בקנאו את קנאת ה', מיט זיין מלחמה אקעגן די מפירי ברית ורשעי עמינו וועלכע האבן זיך פארמאסטן חרוב צו מאכן דעם כלל ישראל, און האבן פורץ געווען גדרות עולם מיט די פארשאלטענע השכלה און רעפארם. אקעגן די אלע מחבלים ומשחיתים איז דער הייליגער חתם סופר געשטאנען כאיתן החלמוש נישט לאזנדיג אז די רשעים זאלן האבן דאס מינדעסטע שליטה בכרם בית ה', וואס דאס האט אוועקגעשטעלט די קערנדליך וואס האט שפעטער, בימי תלמידיו ובנו הכתב סופר, געפירט צו די בארימטע - שוין דערמאנטע - טיילונג אין אונגארן, וואס האט אפגעראטעוועט כלל ישראל פון אונטערגאנג ביז משיח'ס טאג.

אט דער כח און זכות האט באוויזן דאס אומגלויבליכע, אז טאקע אין אזעלכע פינסטערע זמנים, אין די שווערסטע צייטן, ווען כלל ישראל איז אדורך געגאנגען דאס ביטערסטע וואס איז שייך, דעמאלטס האט א דינע שטראל פון ליכטיגקייט געטייטעלט קיין פרעשבורג און אפגעשוינט דעם גרויסן ציון הקדוש פונעם תל תלפיות און אוועקגעשטעלט דעם מקום קדוש פאר די דורות הבאים אחריו, צו קענען דארט קומען מתפלל זיין פאר ישועות און וכל טוב.

## דער ציון פונעם חתם סופר נאך די קריג

די ארבייט ארום דעם טונעל און די שאסייען איז אנגעגאנגען עטליכע יאר, פארציענדיג זיך אויך אויף נאך די מלחמה, ווען בשנת תש"ו איז ווידעראמאל אנטשטאנען א סכנה אז מ'זאל יא אומווארפן אויך די חלק פון קברי החתם סופר והרבנים, אויף צו ציען ווייטער דעם טונעל. ווידער האט זיך אנגעהויבן די השתדלות פון די חברי הקהילה פון פרעשבורג, וועלכע זענען קוים אהיימגעקומען נאכן קריג שבור ורצוץ פון די נאכווייען. זיי האבן זיך געווענדן צו זייער באליבטער געוועזענער רב,הגאון בעל דעת סופר זצ"ל קיין ארץ ישראל נאך הילף. דער פרעשבורגער רב האט פונקט דעמאלטס ארויסגעשיקט זיין זון ר' אברהם שמואל בנימין זצ"ל קיין אמעריקע צו שאפן געלט פאר די פרעשבורגער ישיבה וואס ער האט פריש מייסד געווען אין ארץ ישראל. האט זיך דער דעת סופר פארבינדן מיט זיין זון איבער דעם נושא.

הג"ר אברהם שמואל בנימין האט זיך דערוואוסט אז דער טשעכסלאוואקישער אויסערן מיניסטער מר. יאהן מאסריק געפונט זיך אין ניו יארק, האט ער דעמאלטס געבעטן ביי אים אז ער זאל פועל'ן ביי די סלאוואקישע רעגירונג נישט צו טשעפן מקום קבורת אבותיו. דבריו עשתה פירות און ביז עטליכע וואכן איז געקומען די בשורה אז דער אתרא קדישא וועט ווידער בלייבן אומבארירט. שפעטער האט די רעגירונג אריינגעשטעלט, אז אויך די טראם- באן שינעס זאלן דורכלויפן אין יענעם טונעל העכערן בית החיים, הארט



## ...אין די שווערסטע צייטן, ווען כלל ישראל איז אדורך געגאנגען דאס ביטערסטע וואס איז שייך, דעמאלטס האט א דינע שטראל פון ליכטיגקייט געטייטעלט קיין פרעשבורג און אפגעשוינט דעם גרויסען ציון הקדוש פונעם תל תלפיות און אוועקגעשטעלט דעם מקום קדוש פאר די דורות הבאים אחריו...



צווישען לעבן און טויט - דער פרעשבורגער דיין הגאון ר' שלמה זלמן אונסדארפער הי"ד מתפלל אויפן נייעם ביה"ח ביים קבר פונעם פרעשבורגער רב דער שבט סופר זצ"ל - ווערט געזעהן די טרויעריג-בארימטע געלע מגן-דוד לאטע אויף זיין מאנטל פון פארנט

לעבן דעם אראפגאנג צו די קברים, א זאך וואס האט נאך מער פארשווערט צוטריט צו די מערה, און כמעט ווי הערמעטיש פארשלאסן דאס אריינגאנג צום הייליגן מקום מנוחה פונעם חתם סופר זצ"ל און די ארומיגע קברים.

אין די לויף פון די צייט האט עס געפירט אז דער פלאץ זאל ווערן נאכגעלאזט, און גורם געווען א בזיון פאר אזא מקום קדוש. די פארבליבענע אידן אין פרעשבורג און איבער סלאוואקיי, האבן די אלע יארן נאכן קריג כסדר אינטערוועניררט ביי די רעגירונג נישט צו טשעפן דעם מקום קדוש. דערביי זענען אויך אינסטרומענטאל געווען די אייניקלעך פונעם חתם סופר איבער די וועלט, אין שפיץ פונעם מאטעסדארפער רב זצ"ל אן אייניקל פונעם עלטסטן טאכטער און איידעם פון חת"סהגה"צ ר' דוד צבי עהרנפעלד זצ"ל, וועלכער האט שוין יענע יארן געוואונט אין ניו יארק. אויף אזויפיל האבן זיי באוויזען אויפצטוהן אז כאטש ארגער זאל עס נישט ווערן, און דאס פלאץ איז געבליבן אומבארירט.

די שווערע אומשטענדן אראפצוגיין צום אתרא קדישא זייענדיג פארמאכט אן קיין לופט צום אטעמען, האט איבערגעלאזט די אידן במשך די יארן נאכן קריג אין א מצב ווי זיי האבן נאר געקענט שטיין מיט א תהלימ'ל אין די האנט אויף די גאס העכער דעם הייל, נעבן לויפנדע באנען און א פארנומענע שאסיי, פארגיסנדיג טייכן טרערן פונדערווייטענס, וואוסנדיג כי המקום אשר עומדים עליה אדמת קודש הוא, אבער אן קיין דירעקטע צוטריט צו די מערה און די קברי הצדיקים.

עס איז פארבליבן אן אינטערעסאנטע באשרייבונג פון הרב אברהם קליין ז"ל, פון ווען ער האט באזוכט פרעשבורג ביים יארצייט פון חתם סופר בשנת תשכ"ה. ער שילדערט זיין באזוך אין די שטאט פרעשבורג. עקסטער באשרייבט ער מיט התרגשות זיינע מאמענטן אויפן מקום קדוש ביים ציון פון מרן החתם סופר זצ"ל. מיר ציטירן אפאר ווערטער בלשונו:

'ארויסקומענדיג אויפן נייעם וועג דורך דעם טונעל פון אונטערן שלאס, שטעלט זיך מיין אויטא פלוצלונג אפ אינמיטן פון דער אויטא-סטראדע, און דער שאפער זאגט מיר אז מיר זיינען דא. איך קוק מיך ארום און זע ניט קיין זכר פון א "בית החיים". מיר שטייען אויף א קליינעם און שמאלן וועג־אינזעל, וואו אויףביידע זייטן לויפן אויטאס. אונזער באגלייטער גייט צו, צו אן אייזערנעם דעקעל, שליסט אויף דעם שלאס און מיר גייען אראפ מיט אייזערנע שטיגן צו א פינסטערער מערה. דא איז אמאל געווען דער אלטער בית־החיים. ר' אברהם שילדערט ווייטער: אריינקומענדיג אין דער מערה, וואו די מצבות זיינען שוין כמעט אלע געווען



אן אינטערעסאנטע זילבערנע פושקע וואס האט געהערט פאר די חברה קדישא פון פרעשבורג בימי כהנותו פון הגאון ר' משולם איגרא זצ"ל - אויף די פושקע איז איינגעקריצט אויבן די ווערטער נ' ח"ק ג"ח דק"ק פ"ב בש' התקון לפ"ק (נדבר חברה קדישא גמילות חסדים דקהילה קדושה פרעשבורג בשנת ה' תקנ"ו לפ"ק) אונטער דעם שטייט: רחמנים בני רחמנים, לפני מים אחרונים (איידער מ'גיסט זיך אפ די הענט ארויסגייענדיג פונעם בית עלמין) זכרון לפרנס יתומים (האט אינזין צו געבן צדקה לפרנסת יתומים) נאכדעם שטייט אויסגעקריצט די נעמען פון די חברים פון די חברה קדישא: מענדל שאכרלס, אברהם דוד שאכרלס, יעקב שאכרלס, זלמן שאכרלס, איצק מודרן, אברהם אהרן טעבן, אהרן שפירא, ליזר אופ"ה (אופנהיים), יוסף ב"ר לייב קאך

## ...א פחד כאפט ווען מ'טרעפט זיך צווישן די אריגינעלע קברים פון די צדיקים הקדושים, זכותם יגן עלינו, וואוסענדיג וואס דאס פלאץ איז שוין אלץ אדורך די אלע יארן....

אפגערוקט אין דער זייט, איז אויף מיר געפאלן א מורא. א ציטער האט מיך אדורכגענומען'.

אין אזא מצב האט זיך דער מקום קודש געפינען פאר לאנגע יארן. פלענער צו רענאווירען דעם מקום קודש איז געקומען אין יאר תש"ן דורך הרה"ג ר' שמחה בונם סופר-שרייבער זצ"ל פון לוגאנא, דער זון און ממלא מקום פון זיין פאטער דער פרעשבורגער רב בעל חשב סופר. ער האט אין נאמען פון די התאחדות תלמידי פרעשבורג אנגעהויבן מעורר זיין די יוצאי עיר פרעשבורג וועגן דעם פארלאזטן ציון פון זיין זיידע דער היילגער חתם סופר זצ"ל. אויף זיין רוף האבן זיך אנגעשלאסן חשוב'ע אידן יוצאי העיר אין שפיץ פון דעם אלעמען באקאנטן יליד פרעשבורג הרבני ר' אברהם כהן הי"ו דער מייסד פונעם 'קרן אברהם הכהן' אין ירושלים, און נאך אנדערע פערזענליכקייטן. אינאיינעם האט זיך געשאפן אן אינטערנאציאנאלער קאמיטע איבערצובויען און פארוואלטן אויפן ציון ומקום מנוחתו פון חתם סופר.

ר' אברהם מיט די אנדערע קאמיטע מיטגלידער זענען עטליכע מאל אראפגעפארן קיין פרעשבורג, צו באטראכטן וואס עס קען געטאן ווערן צו פרעזערווירען דאס פלאץ. זיי זענען געקומען צו די החלטה אז מ'ברויך זיך אויף אלע קאסטן באמיען צו באוועגן די רעגירונג, אז זיי זאלן פארקירעווען די רעלסן און שינעס פונעם באן און אזוי ארום ריין מאכן דעם גאנצן ארום, און ערמעגליכן אויפצובויען א געהעריגן אריינגאנג צו די מערה און אנדערע וויכטיגע איינריכטונגען. מ'האט די פלענער אויסגעארבייט מיט אינזשענירען און ארכיטעקטן און דאס פארגעלייגט פארן מעיאר פון די שטאט מיט זיינע געהילפן.

נאך לאנגע השתדלות מיט אינטערוועגצן פון פארשידענע פאליטישע דרוק, האט די קאמיטע באוויזן איבערצוצייגן די שטאט אוועקצוריקען די באן-רעלסן אין אן אנדערען ריכטונג. כדי זיכער צו מאכן אז די רעגירונג וועט איינהאלטן זייער צוזאג, האט די קאמיטע געלאזט אפשרייבן אן אפיציעלן אפמאך מיט א לעגאלן כח, און זיי האבן פארלאנגט אן אודיענץ מיט די באהערדע אויף אונטערצושרייבן דעם אפמאך. צום באשטימטן צייט איז געקומען קיין סלאוואקיי א חשוב'ער דעלעגאציע. צווישן זיי דער דערמאנטער ר' אברהם כהן שליט"א מחבר ספר 'ברית אברהם' פארזיצער פונעם קאמיטע, און די רבנים הגאונים ר' שמחה בונם עהרנפעלד שליט"א אב"ד מאטעסדארף נכד החת"ס און ר' יעקב פאללאק שליט"א דער לאנגיעריגער רב פון די שומרי אמונה שול אין בארא-פארק, און אייניקל פונעם פרעשבורגער דיין ר' דניאל פרוסטיץ זצ"ל, ווער עס ליגט צו די רעכטע זייט פונעם חת"ס. דער סוף איז געווען אז זיי האבן באוויזן צו באקומען די נויטיגע פארזיכערונג און אונטערשריפטן. בחסדי השם האבן זיי דעמאלטס אראפגעשטעלט די ערשטע טריט צום ענדגילטיגן לייזונג און רעסטארירונג פונעם פלאץ.



בילד פון אינעווייניג אין די מערה בשנת תשנ"ח - פאר די לעצטע רענאוואציעס אין די מערה - מ'זעהט אויפן בילד (רעכטס) די מציבה פון הג"ר עקיבא איגר זצ"ל און פונעם מהר"ם ברבי זצ"ל (לינקס)ביידע פריערדיגע רבנים אין פרעשבורג - דער נידריגער געבוי פונעם אריגינעלער מערה האט געצווינגען אראפצונעמען דעם אויבערשטען טייל פון די מציבות



מצבות הגאונים בעל כתב סופר ושבט סופר אויפן נייעם בית החיים ארומגענומען מיט קברי הצדיקים רבני ודייני העיר (ווערט געזעהן מציבת הגאון ר' יחיאל שלעזינגער זצ"ל רב ומ"מ דחברה מחזיקי הדת דפרעשבורג, אונטער דעם קבר פונעם כתב סופר, ר' יחיאל איז געווען דער שווער [בזוו"ש] פון הגה"ק לוחם מלחמות ה' ר' הילל מקאלאמייא זצ"ל תלמיד מרן החת"ס, און דער פאטער פון הג"ר עקיבה יוסף שלעזינגער ז"ל בעמח"ס לב העיברי)

# דער פלאן ווערט פארווירקליכט

עטליכע יאר האט די ארבייט גענומען. אידן פון איבער די וועלט האבן זיך געלאזט קאסטן אלפים ורבבות איבערצובויען דעם הייליגן פלאץ. ווי דערמאנט האט מען קודם אוועקגערוקט די באן שינעס, דערנאך האט מען געלאזט בויען א דרויסנדיגער בנין מיט געהעריגע שטיגן אראפ צו די מערה צו פארלייכטערן פאר באזוכער אראפצוגיין ביז אונטן פון די מערה און צוקומען צום ציון פונעם קוה״ק מרן החתם סופר. אן עקסטערע עבודה איז אריינגעאנגען צו ערמעגליכן אז אויך כהנים זאלן קענען האבן צוטריט צום מקום קדוש. מיט קינצלערישע פלענער אויסגעארבייט עפ״י ההלכה האט די קאמיטע אהערגעשטעלט אז דער וועג אראפ זאל אויך קענען באנוצט ווערן דורך כהנים. אזוי אויך האבן זיי צוגעשטעלט פאר די כהנים א באזונדער שטיבל העכער די קברים. א חלק פון די ארבייט איז פינאנצירט געווארן דורך משפחת הכהנים שטראססער הי״ו נכדי הכתב והחתם סופר זצ״ל.

במשך די יארן האט מען שפעטער אויך מוסיף געווען א הערליכע שטיבל פארנט פון די קברים מיט א גלאזערנעם וואנט וואס טיילט אפ צווישן דעם שטיבל און די קברים. דער חדר איז אויסגעזעצט מיט בענק און טישן, ספרים שענק מיט ספרים, און אנדערע צוגעהערען, אז אידן וואס קומען מתפלל זיין על מקום מנוחת הצדיקים, זאלן קענען מיט ישוב הדעת זיצן און מתפלל זיין אדער עוסק זיין בתורה במחיצת מקום הקודש. אריינציער נאכן גלאזערנעם שטיבל, איז פארהאן נאך א סעריע פון שטיגן אראפ צום פלאץ וואו די מצבות זענען. א פחד כאפט ווען מ׳טרעפט זיך צווישן די אריגינעלע קברים פון די צדיקים הקדושים, זכותם יגן עלינו, וואוסענדיג וואס דאס פלאץ איז שוין אלץ אדורך די אלע יארן. דער אינעווייניגסטער שטוב איז שיין באלאכטן, ציכטיג און זויבער, די מצבות געפונען זיך אין א גוטן צושטאנד ארומגענומען מיט א צוים, עטליכע פון זיי איבערגעפארבט לייכטער צו מאכן אויסצולייענען די וואונדערליכע אויפשריפטן.

אויף די ווענט ארום דעם מערה האט מען ארויפגעשטעלט מצבות וואס מ׳האט געטראפן דורכאויס די יארן, אדער במשך די רעסטאראציע ארבייט. דאס זענען גאנצע מצבות און קלענערע שטיקלעך וואס האבן זיך געוואלגערט אן דעם וואס מ׳זאל וויסען זייער אריגינעלער פלאץ, דערונטער עטליכע מציבות וואס מ׳קען ארויסלייענען די נעמען פון גדולים ואנשים חשובים זכרונם לברכה, ווי די מציבה פון ר׳ אשר וואכטערליץ זצ״ל אב״ד שאטלסדארף. בסוף ימיו האט ר׳ אשר געוואונט אין פרעשבורג וואו ער איז געווען דער רב ומגיד פון די חברה תפארת בחורים, ער איז נפטר געווארן בשנת תקפ״ז. אויך דערקענט מען די מציבה פונעם פרעשבורגער פרנס ושוע ר׳ משה בעטלהיים ז״ל, נפטר י״ג סיון תקצ״ו ונספד ע״י מרן החתם סופר זצ״ל, און נאך אנדערע מצבות.

אידן פון איבער דער גארער וועלט וועלכע קומען צו פארן קיין פרעשבורג מתפלל צו זיין און פוקד זיין מקום מנוחת הגה״ק מרן בעל חתם סופר זצ״ל, זענען דאנקבאר און געבן אפ א שבח והודאה להשי״ת פאר די פילע נסים, אז מ׳האט נאך די זכי׳ נאך אזויפיל יאר און שווערע מאטערנישן צו קענען שופך שיח זיין און אראפלייגן א קוויטל על ציון המציונת. אצינד וועלן בני קהילתנו האבן דעם זכיה, ערשט צו פראווענען א שבת מלא התרוממות סמוך ונראה צו דעם הייליגן מקום, און ביום השבת קומען דארט לערנען תורתו של האי צדיק יסוד עולם. דאן וועט נאכפאלגן דאס פוקד זיין דעם ציון המצויינת בראשות כ״ק מרן רבינו שליט״א, אויסצ׳פועל׳ן פאר כלל ווי פאר׳ן פרט כל הישועות והשפעות טובות וואס וועט אונז לתמיד באגלייטן ברחמים ובחסדים מרובים.





בשעת די פאראהאנלונגען אין פרעשבורג
אין שפיץ פון ידידינו הרבני ר׳ אברהם כהן שליט״א
מחבר ספר ׳ברית אברהם׳

# ווייטערע
# נסיעה נאטיצן




## 1. ניו יארק:

מ'קען זיך נאך איינשרייבן און אנשליסן אין דעם היסטארישן נסיעה ביז דינסטאג יתרו הבעל"ט.

פון יענעם אויפדערנאכט בשעה 11:00 וועט נישט זיין מער קיין אפציע צו קענען אלץ צושטעלן פאר א ניי-מיטרייזענדע, ווייל מ'מוז דאן אלץ אפשליסן מיט די האטעלן און די לאקאלע קלענערע פלי געזעלשאפטן.

## 2. פראנקפורט:

פאר'ן באקוועמליכקייט פון די מיטרייזענדע, וועלן אלע גרעסערע רענצלעך א.ד.ג. באלד געשיקט ווערן צום האטעל אין קראקא, וואו מ'וועט שלאפן דעם ערשטן נאכט. אזוי וועט מען עס נישט דארפן מיטשלעפן אין דייטשלאנד און דערנאך אויפ'ן וועג קיין פולין.

אזויפיל יא: מ'זאל קיין דייטשלאנד מיטנעמען אין די Carry-on וואס מ'וועט דארפן נויטיג אויף די ערשטע טאג וואס מ'וועט זיין אין פראנקפורט. ס'זאל זיין ווי קלענער כדי עס צו קענען מיטנעמען מיט זיך אויפ'ן פליגער.

גלייכצייטיג טוען מיר מיטטיילן, אז עס וועט דארט זיין צוגעגרייט א ווארימער מקוה מיט אלע ארומיגע צוגעהערן. אזוי אז מ'וועט זיך קענען אויפפרישן ברוחניות ובגשמיות, בעפאר דעם גרויסן טאג, ווען מ'וועט פוקד זיין די מקומות הקדושים פון גאוני וצדיקי כשרפי מעלה זי"ע.

דארט וועט נאכ'ן דאווענען זיין אנגעגרייט א פולער פרישטאג. ווי אויך 'צדה לדרך' אויף די שעות הבאות ביזן אנקומען צום האטעל אין פולין. עס וועט זיין צוגעשטעלט פאר יעדן א 'לאנטש באקס' אין וועלכן מ'וועט זיך אריין לייגן מכל טוב וטוב.

## 3. קראקא:

זייענדיג א גאר היסטארישער שטאט מיט פילצאליגע לעגענדארע דעטאלן, וועט מען מיטוואך אויפדערנאכט גיין אויף א תולדות-עיר-קראקא שפאציר צווישן די אלטע געסלעך און געביידעס. מיט דעם וועט אנפירן און פארציילן דער באקאנטער ידען און היסטאריקער, שפתותיו נוטפות מור, מוה"ר הערשל פריעדמאן הי"ו.

דער זעלבער טאלאנטפולער צנא מלא ספרא ר' הערשל פריעדמאן, וועט צומארגענס אינדערפרי באגלייטן די באזוכער צווישן די דראטן פונעם גיא ההריגה אושוויץ. ער וועט דארט געבן א פרטיות'דיגן איבערזוכט פון וואס ס'איז פארגעקומען אויף יענעם בלוטיגן ערד בשנות הזעם מיט אחבנ"י הקדושים, הי"ד.

## 4. ליזענסק:

קומענדיג דארט בתוך שלושים יום פון די הילולא קדישא פון מרן קוה"ק ר"ר אלימלך זי"ע, וועט מען פאר'ן עלי' לציון – דאנערשטאג נאכמיטאג – הערן א דרשת רב תוכן מלא התרוממות, פון אן אורח חשוב גדול בתורה ובחסידות ופה מפיק מרגליות פון א"י.

דאס וועט געזאגט ווערן ביי א סעודה גדולה בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וואס וועט ברוב פאר והדר אפגעהאלטן ווערן אין א שיין-בכבוד'יגן זאל אין ליזענסק. דאן מיטנעמענדיג פון דעם צוזאמענקום די באקומענע התעוררות בע"ה, וועט מען ארויף גיין מתפלל זיין און אויס'פועל'ן לנו לביתינו ולכל אשר לנו.

## 5. סערדאהעלי:

בנוסף צו דעם 'לוח המסע' וואס איז ערשינען אין די פריערדיגע סעריע, דארף אנגעוויזן ווערן איבער'ן חשיבות המיוחדת וואס מ'וועט אי"ה האבן אין דעם שטאט.

מ'וועט בע"ה דאווענען אין דעם אמאליגן מקדש מעט פון דער סערדאהעלער ישיבה. דארט האט געדאווענט און מרביץ תורה געווען כ"ק הגה"ק אב"ד סערדאהעלי זצוק"ל הי"ד, דער הייליגער זיידע פון להבחל"ח כ"ק מרן רבינו שליט"א.

– מה נורא המקום הזה!





שבת פרעשבורג

סמוך ונראה
לציון המצוינת של
מרן החתם סופר זי"ע

בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

• שב"ק משפטים (לס' ויואל מש"ה אמר עלה') תשע"ו •

מסע נגידי ובוני בניני מוסדותינו הקדושים

תהלה לקל אז מיר קומען שוין נענטער צו דעם

# מסע נגידי ובוני בניני מוסדוה"ק

## בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א

שוין געבליבן וויניגער ווי צוויי וואכן צו איינארדענען דעם מסע המרומם
מיט אלע אירע נויטיגע דעטאלן און איינצעלהיטן.

**היות די געערטע מיטרייזענדע קענען האבן פארשידענע פראגן צו פארשלאגן בנוגע די ימי ותהליכי הנסיעה, איז פארמירט געווארן א ברייטערע וועד פון עסקנים, צו וועלכע מ'קען זיך פערזענליך ווענדן.**

מיר האבן בס"ד מסדר געווען א נסיעה-עסקן אין אלע מקומות
וואו עס וואוינט א גרעסערער ציבור פון אנ"ש.

### וויליאמסבורג:

מו"ה **נחמי' פייערווערקער** הי"ו

מו"ה **וואלווי שפיערער** הי"ו

### בארא פארק:

מו"ה **לייבי ראזענבערג** הי"ו

### מאנסי:

מו"ה **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו

מו"ה **אברהם בראדי** הי"ו

### לעיקוואד:

מו"ה **חיים דייטש** הי"ו